# ארכיוו

אויסגעקליבן פון די אידישע ארכיוון • מגיה געווען • צוויי מאל א וואך

נומער 27 • דאנערשטאג, י"ג שבט תשפ"ז • 21סטן יאנואר 2027 • פרשת בשלח

אָז יָשִׁיר מֹשֶׁה וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשִּׁירָה הַזֹּאת לַה'

שמות טו, א

**אין דעם נומער**

**קשה . . . בקריעת ים סוף?**

מצטמק ויפה • לכבוד שבת

**טאר מען עסן סטראבעריס?**

הלכות תולעים • הלכה

**דער צדיק פון יבנאל**

שעפטל • אנשי שם

**„ג' בשלח“ — וואו איז דער מקור?**

א שמועס אויף דער סדרה

**א „האנט“ אין הימל**

תורה און וויסנשאפט

**ווער זוכט א זשאב?**

משיח_השם • הומאר

# ארכיוו

נומער 27 • דאנערשטאג, י"ג שבט תשפ"ז
21סטן יאנואר 2027 • פרשת בשלח


**הקדמה**

## „אז ישיר“

טייערע לייענער,

די וואך לייענען מיר פרשת בשלח. דער ים שפאלט זיך, משה און די אידן זינגען „אז ישיר“, און דערפאר הייסט דער שבת „שבת שירה“. דערנאך פאלט דער מן פון הימל, יעדן טאג פונקט גענוג. היי־יאר פאלט שבת שירה אויס אויף ט"ו בשבט, דעם ראש השנה פון די ביימער.

אין אונזער הויפט־ארטיקל פרעגט „מצטמק ויפה“ פון קאווע שטיבל: פארוואס זאגן חז"ל אז פרנסה און א שידוך זענען „שווער ווי קריעת ים סוף“, אז פארן באשעפער איז דאך גארנישט שווער? און „ברסלבער“ ענטפערט מיט א ווארט פונעם „דברי ישראל“.

ג' בשלח זאגן אסאך אידן פרשת המן אלס סגולה פאר פרנסה. אין „שמועסן אויף דער סדרה“ קריגט מען זיך: פון וואו שטאמט דער מנהג? „משיח_השם“ באשרייבט וואס עס טוט זיך אויף אזא טאג אין הימל, און „צייטליך“ האט א סגולה וואס איז, לויט אים, נאך נישט בדוק ומנוסה.

צו ט"ו בשבט שמועסט מען אין „הלכה־שמועס“ צי מען מעג עסן סטראבעריס. אין „תורה און וויסנשאפט“ – א „האנט“ אין הימל, אין דער וואך פון „ויירא ישראל את היד הגדולה“. און אין „אנשי שם“ – הרב אליעזר שלמה שיק, דער צדיק פון יבנאל, וועמענס יארצייט פאלט אויס י"ז שבט.

ביי יעדן שטיק שטייט פון וועלכן ארכיוו עס קומט, דער ניק פונעם שרייבער, און ווען עס איז געשריבן געווארן. די ווערטער זענען זייערע; מיר האבן מגיה געווען דעם אויסלייג און די גראמאטיק, און וואו מיר האבן עפעס אויסגעלאזט, שטייט „[פארקירצט]“.

א גוט שבת, און האט הנאה פון לייענען!

**די רעדאקציע**

## אין דעם נומער


| | | |
|---|---|---|
| **לכבוד שבת קודש** | קשה . . . כקריעת ים סוף? • מצטמק ויפה | **3** |
| **שמועסן אויף דער סדרה** | „ג' בשלח“ – סגולה, מנהג, און וואו איז דער מקור? • רביה"ק זי"ע, תוהו ובוהו, שמן למאור, חב"ד הויזן און אנדערע | **7** |
| **הלכה־שמועס • צו ט"ו בשבט** | טאר מען עסן סטראבעריס? א שמועס איבער הלכות תולעים • קאצקע ציקער, ליטוואק פון בודאפעסט, רביה"ק זי"ע, אישתישבי און אנדערע | **10** |
| **תורה און וויסנשאפט** | „ויירא ישראל את היד הגדולה“ – א האנט אין הימל? • פישלע הערינג, הילל, נאר,,פרייליך און אנדערע | **14** |
| **אנשי שם • צו י"ז שבט** | דער צדיק פון יבנאל – הרב אליעזר שלמה שיק • שעפטל | **16** |
| **הומאר** | ווער זוכט א זשאב? – ג' בשלח אין הימל • משיח_השם | **18** |
| **היסטאריע** | היינט מיט . . . יאר צוריק • פון די ארכיוון | **19** |
| **לוח** | יארצייטן פון דער וואך • כינר1 | **21** |
| **קורץ און שארף** | פערל פון די ארכיוון • פון די ארכיוון | **21** |
| **קאלום** | די תגובה פון דער וואך • צייטליך | **24** |
| **מקורות** | מקורות • די רעדאקציע | **25** |

לכבוד שבת קודש

# קשה . . . בקריעת ים סוף?

„קשה מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף“, זאגט די גמרא. אבער פאר א איד וואס גלייבט אז יעדער אטעם איז א נס – וואס איז דען אזוי שווער? „מצטמק ויפה“ האט אין די טעג פון פסח תשע"ד געזוכט א תירוץ אין קאווע שטיבל, און „ברסלבער“ האט צוגעלייגט זיין חלק.

פון **מצטמק ויפה** • אויסגעקליבן און מגיה געווען

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „קשה........ כקריעת ים סוף??“ • 20סטן–29סטן אפריל 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/6283.html#p196577

די גמרא זאגט אין פסחים דף קי"ח: "קשה מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף", און אזוי אויך געפונען מיר אין חז"ל קשה זיווגו של אדם וכו' און אזוי אויך נאך אנדערע זאכ'ן וואס חז"ל זענען דאס מדמה צו די גרויסע ניסים פון קריעת ים סוף.

אריינטראכטנדיג אין די מאמרי חז"ל קומט אופ'ן געדאנק א שווערע קשיא; מה כל הרעש? וואס איז שוין די גרויסע נס פון קריעת ים סוף, אזוי אז ווען מען וויל ארויסברענגען ווי שווער עס איז פאר'ן בורא צו טון כך וכך, איז מען עס מדמה צו קריעת ים סוף?!

אין הכא נמי בו בזמן ווען די נס האט פאסירט איז דאס געווען א געוואלדיגע חידוש אין דער טבע הבריאה מיט'ן איינזען אז יש מנהיג לבירה, און איינער דרייט דא ארום, איינער פירט אלעס, וואס ביז דאן איז נישט געווען אזא דערהערט. אבער מיר מאמינים בני מאמינים וואס גלייבן אז יעדע ריר פון אונזער קליינע לעבן פונעם אויפשטיין ביז'ן זיך לייגן, איז מלא ניסים ונפלאות פון אונזער גרויסע טאטע אין הימל, איז ביי אונז דער קריעת ים סוף עפעס א גרויסע חידוש? עפעס א גרויסע תורה?!

מען פארציילט א מעשה אז דער חפץ חיים איז בשעת די ערשטע קריג געווען אמאל ביי א דאקטער, און דער דאקטער האט זיך געלאזט וואויל גיין אויפן חשבון פונם בורא עולם, אז קוק אן וויפיל יודן פאלן ווי פליגן, וואו איז גאט? פארוואס קוקט ער זיך נישט אום אויף זיינע קינדערליך אויף זיין עם סגולה?

האט דער חפץ חיים איהם ג'געבן א פרעג; זאג נאר? דו ביסט א דאקטער?

ענטפערט ער מיט א ציניש׳ע שמייכל, נו אוודאי בין איך א דאקטער זעסט דאך אליין.

רופט זיך אן דער חפץ חיים איך זע נישט גארנישט ווער זאגט אז דו ביסט א דאקטער? ווער זאגט אז דו טויגסט צו דעם פאך?

גייט דער דאקטער אריין און אנדער'ען שטוב און ברענגט ארויס זיין דיפלאמ"ע, און גיט דאס אהין פאר'ן ח"ח.

הייבט דער חפץ חיים אן לאכן, די נער, קוק אויף דעם דאטום, דאס איז דאך פון צען יאר צירוק, נו ווער זאגט אז דו ביסט נאך אלס א דאקטער? ווייל דו ביסט געווען פאר צען יאר צירוק ווייזט דאס גארנישט.

זאגט דער דאקטער מיט שפאס; וואס האסטו געוואלט? איך זאל יעדן טאג האב'ן א נייע דיפלאמ"ע? עס גייט נישט אזוי, איך האב איינמאל באקומען א דיפלאמ"ע און דאס איז באוויז פאר אייביג אז איך בין א דאקטער.

זאגט דער חפץ חיים אוי ביסטו גערעכט, טראכט אבער אליין וואס דו זאגסט, דער בורא עולם דארף נישט יעדן ווייזן, און פאר יעד'ן טאטער מודיע זיין אז יא! ער פירט די וועלט און גארנישט פאסירט נישט אן זיין ווילן! ער האט דאס געוויזן איינמאל ביי קריעת ים סוף, און דאס דארף זיין גענוג צו שטארקן דיין אמונה און גלייבן אין איהם.

**ער האט דאס געוויזן איינמאל ביי קריעת ים סוף, און דאס דארף זיין גענוג צו שטארקן דיין אמונה**

דאס איז אבער אלעס פיין און וואויל מסביר צו זיין פאר א פרייע דאקטער אז אלעס ווערט געפירט פון אויבן והא ראיה עס איז געווען א קריעת ים סוף. אבער ביי אונז תורה טרייע יודן איז קריעת ים סוף עפעס א חידוש? מיר גלייבן אז יעדע אטעם איז ניסים פונם אייבירשטן על כל נשימה ונשימה תהלל קה, וואס די גרויסע גדולה פון קריעת ים סוף? ווער הייסט איהם דען גיין און זיין רוישיג אויב נישט גאט? נו, פונקט ווי ער מאכט איהם גיין, האט ער איהם געהייסן זיך אפשטעלן. וואס איז די גרויסע קשה ... כקריעת ים סוף??

נאר דא ליגט סאך מער ווי דעם. א בחור זיצט נעבעך אין ישיבה שוין לאנג נאך דעם טיפח עצמותיו, אנגעזעצט אויף הייוון, ביי א בעשאוי איז ער שוין געווען צענדליגע מאל אבער ... והילד איננו, גארנישט רירט זיך נישט קיין שדכן האט מען שוין לאנג נישט געהערט אויפ'ן אנדערע זייט טרייבל. און אזוי גייט דורך שעה נאך שעה וואך נאך וואך ואין קול ואין עונה.

אדער, דער יונגערמאן וואס מוטשעט זיך נעבעך על המחיה ועל הכלכלה פון די גאר פריע פארטאגס שעה'ן ביז שפעט ביינאכט, האט נישט קיין מינוט צייט צו זיין ווייב און קינדער, און ער קומט דארט אהיים סוף וואך קוים צו דעקן דעם חודש, ער וויינט זיך אויס ביים תהילמ'על, גרויסע טאטע אין הימל שיק מיך פרנסה בשפע, איך בעט דיך קוק דיך אים אויף מיר, געב מיר ברווח וואס איך דארף.

אויף דעם קומט חז"ל און זאגט אונז: בחור'ל זיסע, יונגערמאנטשיק טייערע, זייט'ס נישט צעבראכן ווייל "קשה זיווגו, קשה מזונותיו של אדם... כקריעת ים סוף", עס איז ביי איהם א קינדער שפיל עס איז איהם נישט קיין שום חילוק פון דיר אויפוועקן יעדע אינדערפרי און מאכן דו זאלסט זיין געזונט און שטארק אין אלע אברים, ווי דיר צושטעלן א שידוך אדער פרנסה, עס איז ביי איהם נישט קיין שום אונטערשייד.

עס איז דא א מוראדיגע ווארט פון הייליגע חתם סופר, אויף דעם וואס דוד המלך זאגט אין תהילים: "והעביר ישראל בתוכו כי לעולם חסדו" טייטשט ער והעביר ישראל בתוכו, די בורא האט אונז דאן געוויזן ניסים פארוואס? כי לעולם חסדו נאר כדי צו ווייזן אז לעולם חסדו אז בעצם איז יעדע זאך און שטענדיג איז דא ניסים ונפלאות פונם בורא.

מען דארף זיך נאר אפשטעלן און טראכטן אין דעם. דער וואס איז א גרויסע בעל בטחון און א מאמין, זעט אין יעדע ריר זיינע ניסים ונפלאות. דאס אז דער דאך פאלט נישט איין, איז דאך א נס גלוי. ווער האט געזאגט אז שיטרא"ק דארף זיך האלטן צוזאמען?? און אפילו פאר די שוואכערע, שיקט דער בורא אויך פון צייט צו צייט סימנים, אז יא איך בין דא איך האב נישט פארגעסן פון ענק. אזוי ווי מען האט לעצטענס געזען די השגחה פרטיות אז אין זכות פון שמירת שבת איז א יודיש קינד אפגעהיטן געווארן פון דער טראגעדיע פונעם מאלאזיע פליגער השם ירחם. און ווער האט דען נישט מיטגעהאלטן די גרויסע יד השם ביי דער טראגעדיע פון די ציווילינג געביידעס, וויפיל יודן זענען ניצול געווארן בנסי ניסים. און וואו די מידיע האט באוואונדערט אז קיין איין הצלה מעמבר איז נישט אומגעקומען, אין דער צייט וואס פון די גוי'שע וואלאנטירן זענען געפאלן ווי פליגן. יא דער בורא באוויזט זיך צו אונז, מען דארף נאר זען און וועלן הערן דעם דבר השם.

איד'עלע אלעס האט א חשבון, עס האלט זיך נישט אפ קיין רגע ווייל עס איז איהם שווער אדער וואס, ניין. עס איז פשוט נאך נישט דיין צייט עס איז נאך נישט דיין טובה. דו אבער געב נישט אויף, זיי מתפלל צו איהם, בעט איהם, און ער וועט דיך העלפן בקרוב מיט פולע זעק פון השפעות.

**עס איז פשוט נאך נישט דיין צייט עס איז נאך נישט דיין טובה.**

## „השמיעיני את קולך“

מיט ניין טעג שפעטער האט „ברסלבער“ צוגעלייגט א ווארט פונעם „דברי ישראל“ פון מאדזשיץ:

„ברסלבער“: מצטמק ויפה, זייער גוט געזאגט און גוט ארויס געברענגט. יישר כח.

ביג בוי זאגט אויך א גוטע נקודה וואס שטייט שוין אין ספרים, אז די שווערע חלק איז געווען די טענת המלאכים אז הללו והללו עובדי ע"ז.

ואענה גם אנכי את חלקי, וואס איך האב מחדש געווען דעם יום טוב.

דער מדרש זאגט אז ווען די אידן זענען געווען אין מצרים, זיי זענען געווען אין גרויסע צרות, דאן האבן זיי געשריגן צום אייבערשטן, און דער אייבערשטער האט זיי ארויס גענומען פון מצרים. אבער ווי נאר זיי זענען ארויס געגאנגען האבן זיי פארגעסן פונעם אייבערשטן, האט דאך דער אייבערשטער געוואלט הערן נאכאמאל זייער קול, האט ער אנגערייצט אויף זיי די מצריים, ופרעה הקריב - הקריב את ישראל לאביהם שבשמים. דאן האבן די אידן נאכאמאל זיך דערמאנט פונעם אייבערשטן, תפשו אומנות אבותם, זיי האבן געשריגן צום אייבערשטן, און ער האט זיי געהאלפן און געשפאלטן פאר זיי דעם ים סוף. הה"ד השמיעוני את קולך כי קולך ערב.

אין ספר דברי ישראל (מאדזשיץ) איז ער מסביר אז באמת איז שווער, האבן דען די אידן פארגעסן פון באשעפער? תפלות אבות תקנום, די אבות האבן שוין איינגעפירט דאס דאווענען צום אייבערשטן יעדן טאג, פילייכט האבן זיי יא געדאווענט יעדן טאג, אויך נאכן ארויסגיין פון מצרים. וואס עפעס האבן זיי ערשט גענומען די אומנות אבותם ביים ים סוף?

זאגט ער א הפלא'דיגע געדאנק. אוודאי האבן זיי געדאווענט, און נישט פלעין געדאווענט, זיי זענען דאך שוין ארויס פון שעבוד מצרים, און בעיקר איז זייער דעת ארויס פון גלות, יעצט איז שוין זייער דאווענען נישט געווען אזוי פשוט ווי אין מצרים, יעצט האבן זיי שוין געדאווענט א העכערע סארט דאווענען מיט אלע כוונות און יחודים. אבער דער אייבערשטער האט געזאגט: ניין, נישט דאס דארף איך. קרוב ה' לכל קוראין לכל אשר יקראוהו 'באמת' - דער אייבערשטער האט ליב צו הערן אן אמת'ע ווארט פון א איד. ווען א מענטש איז אין א צרה, ער איז גוט צעקוועטשט, דאן רייסט זיך ארויס אן אמת'ע קרעכץ פון הארץ צום אייבערשטן, דאן קומט ארויס די אמת'ע ווערטער ווי א קליין קינד בעט זיין טאטע מיט אן אמת. און דאס האט דער אייבערשטער זיך געבענקט צו הערן פון זיינע קינדער.

תפשו אומנות 'אבותם' - זיי האבן געכאפט דעם אומנות פון שרייען 'טאטע'. און דאן האט זיך געעפנט אלע טויערן פאר זיי. קיין שום זאך קען שוין נישט זיין קיין אפהאלט, אפילו דער גרויסער ים שפאלט זיך פאר זיי.

קשה זיווגן ופרנסתן גייט אויפן זעלבן מהלך. ווען א איד דארף א שידוך, ער דארף שלום בית, ער דארף פרנסה, ער דארף באצאלן זיינע בילס. דער אייבערשטער גרייט אים צו העלפן זייער גערן, ער וויל אבער הערן ווי דער איד בעט אים, "איך וויל הערן דיין קול ווי דו שרייסט צו מיר 'טאטע'". און דאס איז זייער שווער צו טון.

מען צאלט איין פאר תהלים כולל/ כולל חצות/ מעיני הישועה/ בת עין/ מקוה USA/ ח"י רוטל/ און אפילו א גאנצע סקיט וואסער. מען זאגט פרק שירה/ פרשת המן/ שיר השירים/ און אפילו גאנץ תהלים איינגעטיילט פאר דער גאנצער משפחה און גוטע פריינד. מען צינד ליכט פאר רבי מענדעלע/ מען שפרעכט אפ עין הרע/ מען מאכט שילוח הקן/ און מען פארט אפילו צו רבי יונתן בן עוזיאל אויף עמוקה.

און דער אייבערשטער זאגט: אלעס איז גוט פיין און וואויל, איך וויל אבער הערן ווי דו שרייסט צו מיר טאטע. גיי אין א זייט און דערצייל אויס פארן אייבערשטן דיינע פראבלעמען, ווי א קליין קינד וויינט צו זיין טאטע, טאקע אזוי פשוט פון

הארץ ארויס אן קיין שום חכמות. און דאן וועט זיך שפאלטן פאר דיר דיין ים - דער גרויסער וואנט וואס שטייט פאר דיר און לאזט דיר נישט אנגיין אין לעבן, וועט צוברעקלט ווערן אויף פיצלעך, און דו וועסטו קענען דורך מארשירן בקומה זקופה, און דערנאך זינגען שירה מיט פרייד.

„מצטמק ויפה“: ברסלבר א גרויסן דאנק, דאס איז כמים קר על נפש עייפה. א שאד איך האלט שוין נאך שחרית.

„ברסלבער“: דארפסט איבערליינען מיין תגובה. מען רעדט נישט דא פון שחרית אדער מנחה מעריב, מען רעדט פון זיך אויסרעדן דאס הארץ צום אייבערשטן אויף אידיש, ווי צו גוטער פריינד און ווי א קינד צו א טאטע.

קאווע שטיבל • 29סטן אפריל 2014

**שמועסן אויף דער סדרה**

# „ג' בשלח“ – סגולה, מנהג, און וואו איז דער מקור?

דינסטאג פון דער וואך פון פרשת בשלח זאגן אסאך אידן „פרשת המן“ אלס סגולה פאר פרנסה. אין טבת תשפ"ב האט מען אין קאווע שטיבל גערעדט וועגן אן ארטיקל וואס האט געפרעגט אויפן מקור פונעם מנהג, און דער עולם האט זיך צעטיילט. צוויי יאר שפעטער, ג' בשלח תשפ"ד, האט זיך דער שמועס ווידער אנגעהויבן.

פון **רביה"ק זי"ע, תוהו ובוהו, שמן למאור, חב"ד הויזן און אנדערע** • אויסגעקליבענע תגובות [פארקירצט]

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „ג' בשלח" פרשת המן סגולה צופאלט ווי א זייפען-בלאז“ • 10טן יאנואר 2022 – 24סטן יאנואר 2024
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/15073.html#p491292

---

**רביה"ק זי"ע** • 10טן יאנואר 2022

שוין, פלעג איך מיינען אז איך קען יוצא זיין מיט'ן זאגן איין מאל א יאר, פון היינט און ווייטער וועלן מיר מוזן זאגן יעדן טאג.

**וואלווי** • 11טן יאנואר 2022

באלד וועט זיך נאך אנהייבן די רוח אז סוכ"ס נתפשט המנהג בכלל ישראל וכו', אם אינם נביאים בני נביאים וכו', הלא דבר הוא וכו'

מ'קען קיינמאל נישט געווינען מיט דע חברה..

**רביה"ק זי"ע** • 11טן יאנואר 2022

ווער זאגט אז מ'דארף געווינען, ס'שטערט איינעם אז זיי זאגן? זאלן זיי זאגן און פרעפלען ביז דאס מויל וועט זיי ווי טון, I couldn't care less.

**כפתור** • 11טן יאנואר 2022

וואס טוט מען מיט די עקסטערע געלטער וואס מ'האט באקומען דורכאויס אלע יארן וואס מ'האט שוין געזאגט?

**שמעון וואלף** • 11טן יאנואר 2022

ווער איז "דער גרויסער פארשער הרה"ג ר' נפתלי אהרן וקשטיין"?
קיינמאל געהערט פון אים.

**תפארת** • 11טן יאנואר 2022

ווער ס'טוט אביסל אין יחוס ווייסט פון איהם צו זאגן. אין ארץ ישראל איז ער פון די גרעסטע חוקרי יוחסין.

**תפארת** • 11טן יאנואר 2022

מילא ווען ער וויל פארענפערן א שמועה פון אן אדם מוסמך פארשטיי איך, אבער סתם צו פארענפערן פאיער רב?

**תוהו ובוהו** • 11טן יאנואר 2022

גא''מ.
ליינענדיג דעם ארטיקל בינעך געווען זיכער אז קריינא דאיגרתא איהו הפרוונקא און ער האט עס אליין דורכגעטון, צי ער וועט כאטש ברענגען פון איינעם וואס האט דאס דורכגעטון און יענער זאגט אז ער האט געזען די כתבים וכדו'.

ביזדערווייל זע איך נאר מער שמועות ווי אינעם עצם סגולה (במאמר וכו', בשם קונטרס כנגן המנגן, אח''כ בדקו ומצאו.. ווער?)

און האט נישט מורא כ'געב נישט קיין דעקל אפילו אויב פאיע רב זאל עס יא האבן געזאגט, אבער אפפרעגן א שמועה קען מען נאר מיט באווייזן, נישט מיט די זעלבע סארט הוכחות ווי די סגולות זעלבסט, וכנפסק בשו''ע אין משיבין ב''ש בב''ש.

**מאנטריאל** • 11טן יאנואר 2022

איז עס טאקע נאר דרייסיג יאר די מנהג? ווייל מיין באבע ע"ה פלעגט נאך רופן אלע אירע קינדער נישט צו פארגעסן פרשת המן.

**מונטסורי** • 12טן יאנואר 2022

אויב עס איז א פארשפרייטע סגולה שוין פאר דרייסיג יאר קען דאך נישט זיין עס קומט פון כתבים וואס מ'האט געטראפן הערשט לאחר פטירתו פון פאיע רב ז"ל

**עסקן בדברים** • 12טן יאנואר 2022

[פארקירצט] ער זאגט ר' שלמה יהודה, לכאורה איז דאס דער באגאדער רב, דער זיידע פונעם פריערדיגן פאיע רב ר' משה דוב. אפשר האט עס דער פאיער רב ר' משה דוב מפרסם געווען נאכ'ן זען (און זיך טועה זיין אין) זיין זיידע'ס כתבים.

[פארקירצט]

**שמן למאור** • 15טן יאנואר 2022

ר' שמעלקע איז אויפגעשטאנען דינסטאג בשלח אינדערפרי, ער גייט אריין און ביה''מ, די זייגער קלאפט שוין 11:15, ער גייט אריין גראד און קאווע שטיבל, אבער אויפן וועג טרעפט ער פייוול, 'פייוול' הע.. ס'אלעס שטיתים, אויסגעטראכטעטע זאכן...דו גייסט זאגן פרשת המן? ס'האט נישט קיין שום מקור, עפעס פון פייע רב, אבי גערעדט,

ער גייט אריין אין קאווע שטיב, דארט איז שוין דא א גרויסע קופקע, מען רעדט אהער און אהין, יא מקור נישט מקור, שמעלקע קומט אריין קלאר מיט קראנטע סחורה, סתם אן אויסטרעף און גאנץ כלל ישראל האט זיך ארויפגעכאפט אויף דעם ווי נאר'אנים, ר' מענדעלע מרומונוב פלעגט זאגן פערציג יאר תורה אויף פרשת המן, און איינמאל האט מען עס איבערדערציילט אויף ג' בשלח, און פון דארט נעמט זיך די טעות

שמעלקעלע לויפט אין מקוה, כאפט די חצות מנין, און שפאצירט אריין אינעם גרויסן ביה''מ, ער גייט צו צי יעדער איינער וואס זאגט פרשת המן, 'זאג נאר, נאר היינט זאגסטו? אדער יעדן טאג? הא? די סגולה איז צו זאגן יעדן טאג! ס'האט גארנישט צעטון מיט היינט, די גאנצע זאך האט גאר א שוואכע וואקלדיגע מקור!

שמעלקע לויפט און כולל, זיין חברותא ווארט שוין אויף אים, 'ווייסט'? זאגט שמעלקע, מען קען איינרעדן כלל ישראל וואס מען וויל, און די עולם לאזט זיך נאר'ן, אז מען וועט מארגן אנטפלעקן אין צפת די קבר פונעם 'ההוא גברא' און דערנעבן די 'ההוא איתתא' וועט מען אויך לויפן מיט ר' מיילעך בידערמאן מאכן דארט א גאנצע טאראראם, איך ווייס נישט וואס איז געווארן מיטן 'עם חכם ונבון'

שמעלקע גייט אהיים כאפט א דרימל, ער גיבט זיך א כאפ אויף פופצן מינוט פארן זמן ר''ת, אוי!! מען קען נאך זאגן פרשת המן?!?!?! ער שפרינגט אויף, כאפט זיין הוט און רעקל און שלעפט ארויס פון ספרים שאנק דעם שנים מקרא, און הייבט שנעל אן זאגן מיטן טראפ, 'ויאמר ה' אל משה הנני ממטיר לכם לחם מן השמים'...

אזא פנים האבן מיר, אונז האבן אלע ליב צו גלייבן, צום סוף גלייבט מען, יא אמת נישט אמת, יא מקור נישט מקור, פון אזא טייג זענען אונז געקנויטן

[פארקירצט]

**לאכעדיג** • 23סטן יאנואר 2024

אויב האט מען פארגעסן צו זאגן פרשת המן היינט .

קען מען זאגן מארגן און יוצא זיין מיטן אויסרייד פון ספיקא דיומא?

**שמעקעדיג** • 24סטן יאנואר 2024

לויט רוב פוסקים נישט ממש, ס'איז אזוי ווי שיקן משלוח מנות שושן פורים.

**א נייגעריגע קאטשקע** • 24סטן יאנואר 2024

[פארקירצט]

פאיע רב'ס קינדער אין איניקלך זאגן עס נאך בשמו אז זיי האבן כמה פעמים געהערט אז ג' בשלח איז א יום סגולה

סאיז וואר אז מען דארף זען זיין מחברת העט מען קלוגער ווערן

**berlbalaguleh** • 24סטן יאנואר 2024

„כפתור": וואס טוט מען מיט די עקסטערע געלטער?

איך האב געזאגט פ' המן אום ג' בשלח פאריאר. איך האב (כמעט) געווינען דעם "פאורבאלל" גרויסן געווינס. אזוי האביך געמיינט. נאר די נאמבערס זענען ארייגעקומען שלא כסדרן...!

**חב"ד הויזן** • 24סטן יאנואר 2024

ר' שמעון שפיצער האט גערעדט נעכטן און ארויסגעברענגט אז די משוגעת פון ג' בשלח איז גאר אן עוולה, ווייל די סגולה איז בפירוש אויב מ'זאגט פרשת המן בכל יום דהיינו אז מ'חזרט זיך איין אז פרנסה שיקט די באשעפער פונקט ווי די מן. אבער יעצט מיינען רוב מענטשן אז דאס איז עפעס א לחש וואס מ'זאגט איינמאל א יאר. טראכט וויפיל אידן וואלטן געזאגט פרשת המן טעגליך ווען נישט פרשת המן גייט סינאנים מיט ג' בשלח...

**ארכיטקט** • 24סטן יאנואר 2024

ער פירט שוין לאנג א מערכה מיט דעם

**צומישט און צוחישט** • 24סטן יאנואר 2024

ס'איז אן אלטע דרשה פון אפאר יאר צוריק.

**קליינע צדיק** • 24סטן יאנואר 2024

רוב מענטשן זאגן עס למעשה ביז סוף טאג

איינער נאכן אפפרעגן די מקור און אריינפליקן פיל מיט מענטשן וועגן דעם סוף טאג אין א ווינקל

און איינער מיט א שמייכלביים אנהייב טאג און האלט אז זיין פרנסה קומט פון דעם

**הלכה־שמועס • צו ט"ו בשבט**

# טאר מען עסן סטראבעריס? א שמועס איבער הלכות תולעים

ט"ו בשבט עסט מען פירות, און ביי פירות קומט די שאלה פון ווערעמלעך. (אין אונזער פרשה שטייט אויפן מן וואס מען האט איבערגעלאזט: „וירם תולעים".) אין כסלו תשע"ז האט „קאצקע ציקער" אין קאווע שטיבל געפרעגט צי מען עסט נאך סטראבעריס, און דריי יאר שפעטער האט זיך דער שמועס צעברענט: וואס מיינט „אין נראה לעין", וואס זאגן די ראשונים, און וויפיל דארף מען באקוקן?

פון **קאצקע ציקער, ליטוואק פון בודאפעסט, רביה"ק זי"ע, אישתישבי און אנדערע** • אויסגעקליבענע תגובות [פארקירצט]

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „סטראבערי = הלכות תולעים" • 1טן דעצעמבער 2016 – 5טן דעצעמבער 2019
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11120.html#p355962

---

**קאצקע ציקער** • 1טן דעצעמבער 2016

מיט א פאר יאר צירוק האבן די חשובע רבנים צוגענומען מיין באליבטער שפייז וואס רופט זיך תות אין העברעיש, דא אין אמעריקא רופט מען עס סטראבעריס, מיטן מורה'דיגן סיבה וואס רופט זיך תולעים זיי שרייען אז ס'דא ווערים אינעם סטראבערי ממילה טאר מען עס שוין נישט עסן ביז משיח'ס טאג.

ביי ראמען לעטעס זע איך באמת נישט דעם פראבלעם, מען לייגט עס פשוט אונטערן לייט און מען קיקט צו ס'דא ווערים מען קען קלאר זען אינטערן לעקטער יעדן פינטל אויפן בלעטל מען דארף בכלל נישט זיין א מומחה ווי זיי פראבירן צו זאגן.

ביי סטראבעריס קען זיין איז אביסל שווערער ממילה האלט איך מיך אפ פון עס עסן

וויל איך פרעגן די עולם וואס טוט מען, עסט מען סטראבעריס צי נישט.

**ליטוואק פון בודאפעסט** • 1טן דעצעמבער 2016

ס'איז דא אסאך צו שמועסן איבער דעם. טאמער דו ווילסט גוט פארשטייען, טרעף דער ספר פון הרב איתם הנקין הי"ד (באקאנט אויף אוצר החכמה אלס 'תוך כדי דיבור) וואס האט גרונטליך דורכגעלערנט די סוגיות.
ער ברענגט די אוסרים כדוגמת ר' משה ווייא און אנדערע.
ער קלערט צו דער איסור איז דאורייתא צו דרבנן, ער מאכט פון דעם א מחלוקת רשב"א און רמב"ם, עיי"ש ותמצא נחת.

אפילו טאמער סטראבעריס זענען אסור, איז דא אן עצה פון אפשיילן. איך האב עס לעצטענס פראבירט און ס'איז נישט אזוי שווער ווי מ'מיינט.

**קאצקע ציקער** • 1טן דעצעמבער 2016

דער אפגעשיילטער חלק איז נאך דאס בעסטע..

**רביה"ק זי"ע** • 2טן דעצעמבער 2019

גיי זאג פאר די רבנים אז זיי אטעמען אריין יעדע רגע מאסן פון פיצינקע ווערים/באצילן, אויב טאר מען נישט עסן קיין ווערים איז עס נאר באופן וואס מ'זעט עס שנאמר "אל תשקצו" את נפשותיכם בכל השרץ השורץ, ואין גיעול אלא בנראה לעין. קענסט עסן סטראבעריס מיט וואס דו ווילסט רואיגערהייט, כאטש מיט דער זעלבער רואיגקייט מיט וואס די אוסרים דאווענען נאך סו"ז תפילה.

**אישתישבי** • 2טן דעצעמבער 2019

דער בוטשאטשער זאגט אז עס זיכער בלויז א דרבנן און אפשר אפילו מותר,
ער רעדט פין א מאכל וואס מען האט געמאכט דערפון.
א. ווער זאגט אז עס האט זיך פורש געווען צום קערענדעל.
ב. אויב יא איז עס בטל מדאורייתא, בריה ווערט נישט בטל נאר מדרבנן.
און נאך נימוקים.

**ליטוואק פון בודאפעסט** • 3טן דעצעמבער 2019

די ענין פון 'אין נראה לעינים' איז גארנישט אזוי פשוט ווי מ'מיינט. מאנכע האבן געמאכט א גאנצע עיקר הדת דערפון, וועז קיין אפענע גמרא האבן זיי נישט דערפאר. איך קום מיר נישט דינגען דערויף, אבער דאס ארויסצושיסן ווי דער סליפקין איז נישט אין פלאטץ. סתם אזוי דארף מען וויסן אז עס איז גארנישט קיין נייע הלכה וואס מ'האלט. קוק אין חכמת אדם ווי ער רעדט פונעם פראקטישן חלק דערפון. איך געדענק אז איך האב ערגעץ געליינט אז אין אונגארן פלעגט מען יערליכעהייט פרעגן דער רב אויף די קירשן. ער פלעגט בודק זיין וואס איז אריין געקומען, און לויט וואס ער האט געזען האט ער אדער מתיר געווען צו עסן, אדער אין גאנצן גע'אסר'ט, אדער נאר ווען מ'באקוקט עס, יעדעס יאר לויט די אומשטענדן. עס איז נישט געווען קיין גלייכער זאך סתם צו גייען אין וואלד און ברענגען קירשן. די יאגעדע קלייבן איז מסתמא געווען פאר איינגעמאכץ, נישט צו עסן רוי, ועוד פרטים וואס מיר וויסן נישט היינט.

עס איז ריכטיג אז מ'דארף נישט זוכן מיט קיין שפאקטיב, מ'קוקט מיט די נאקעטע אויגן. אבער קוקן מיינט קוקן! איינער וואס וויל אריין רוקן ערדבערין אן צו קוקן, קען זיך נישט פארלייגן אויף דער הלכה פון 'אין נראה לעינים'. מ'דארף אבער קוקן נארמאל אויף יעדער ארט אויף די פרי. און אזוי אויך ביי שאלאט. א פרוכט וואס האט אסאך ווינקלען און קערלעך ווי די ווערים קענען זיך באהאלטן, מוז מען דארט אויך קוקן.

דער יסוד פון דער הלכה איז אז באמת וואלט מען געמעגט זיך פארלאזן אויף רוב אז רוב פירות זענען נישט פארווערעמט (טאמער עס איז אזוי). נאר וויבאלד מ'קען עס באקוקן צו זען צו די ווערים זענען דארט, און עס איז א מיעוט המצוי (ווען עס איז אזוי), הייסט דער וואס עסט עס א מעלים עין מן האיסור. מ'קען זיך נישט פארלאזן אויף רוב ווען מ'קען עס באקוקן. דאס איז נאר ווען ער קען עס באקוקן נארמאלעהייט. ווען ער מוז אנקומען צו מאשינען און מומחיות, הייסט עס נישט מעלים עין מן האיסור. דארף מען דן זיין יעדער זאך דורך דעם חשבון, איז עס לייכט צו טרעפן די ווערים אדער נישט?

עס איז דא אנדערע סברות אינעם ענין, עס איז נישט על רגל אחת. איך ברענג עס נאר ווייל איך האב געהערט פון אסאך מענטשן א לייכטזיניקייט צו הלכות תולעים, כאילו רבנים ווילן סתם שווער מאכן. איך ווייס נישט וואס רבנים וויסן און וואס איז זייער כוונה, אבער די הלכות האבן א סאך פרטים. אדרבא, דער וואס האלט אז די רבנים האבן נישט קיין דעה, זאלן זיי אליינס זיצן אויף דער סוגיא אין סוף פרק ואלו טריפות, מיטן טור שלחן ערוך סי' פ"ד און די נושאי כלים. עס איז א סוגיא ווי אלע סוגיות, מיט מחלוקת'ן, סברות, תשובות און יסודות.

**רביה"ק זי"ע** • 3טן דעצעמבער 2019

גיימער צוריק צו אנפאנג, פארוואס דעמאלטס מעג מען עסן באצילן? בכל אופן שטייט נישט קיין ערגעץ אין גמרא אז מ'דארף באקוקן עסן פון ווערים, צי דאסווארט איז נראה לעיניים צי דאס ווארט איז מתעסק צו וואס אימער דו ווילסט, ס'כאפט נישט קיין גרויסע נפקא מינה.

נאכאמאל, איך האלט נישט אז די רבנים האבן נישט קיין דעה, אבער ווילאנג זיי קענען זיך נישט ספראוון מיט פשוט'ע יסודות'דיגע קשיות אין די סוגיות איז מיר בכלל נישט אינטערעסאנט וואס זיי האבן צו זאגן. נישט איינמאל וואס כ'האב דורכגעטון א סוגיא לעומקה און עס דורכגעשמועס מיט תלמידי חכמים און ארויסגעקומען מיט מער קשיות ווי פריער, וויפיל מאל דארף איך עס איבערטון זיך אויסצולערנען אז הלכה האט נישט גארנישט אייגעשטויסן מיט דער גמרא?

**ליטוואק פון בודאפעסט** • 3טן דעצעמבער 2019

האסט עפעס מאדנע הנחות דא, הנחות וואס די פוסקים דערמאנען נישט אין קיין שום הלכה אין ש"ס.

פארוואס דארף דער גמרא אונז הייסן בודק זיין פרוכט פאר ווערים? טאמער מיר וויסן אז ווערים זענען אסור, און א פרי איז מוחזק צו האבן ווערים, דארף מען דער חדר מלמד זאל דיר קלאר אויסזאגן אז ממילא דארף מען צוערשט באקוקן, און אז נישט איז מען נישט קיין שוגג אויף וואס מען עסט? און אפילו ווען עס דארף דיר יא זאגן, זענען די אלע גמרות ביי אנדערע עבירות נישט קיין ראיה? ביי בדיקת חמץ, צו בדיקת נדה ועוד.

דער איסור פון עסן פירות המוחזקים בתולעים אן בדיקה איז נישט קיין המצאה פון דער התאחדות, דאס איז מוסכם ביי

אלע ראשונים, וכלשון הרשב"א 'שכל שהאיסור מצוי צריך בדיקה', אז דאס איז אן אלגעמיינע דין ביי אלע הלכות איסור והיתר.

טאמער דו האסט געטראפן אז הלכה שטימט נישט מיט דער גמרא ווייס איך נישט וואס דו רופסט אן 'הלכה'. עס מאכט זיך אפט אז די הלכה איז נישט געפסקנ'ט ווי די ראשונים וואס מיר זענען איינגעוואוינט צו לערנען ערשט, אז רש"י און תוספות זענען נישט די שיטות וואס מיר פסקנ'ן לויט זיי. אבער די ראשונים וואס מיר גייען יא מיט, האבן אויך נישט אפגעלאזט די גמרא. עס זעט מיר אויס אז דו האסט זיך נישט אנגעשטויסן מיט די ריכטיגע תלמידי חכמים.

**ליטוואק פון בודאפעסט** • 3טן דעצעמבער 2019

אזוי ווי יעדער נייע מציאות, נוצט מען אלטע יסודות זיי צו לעזן. וואס איז דא די פראבלעם? מ'טאר נישט מעלים עין זיין מן האיסור, און ממילא דארף מען בודק זיין. וויפיל טרחה דארף מען אריבערגיין דערפאר? קוק ווייטער אין פוסקים, זיי רעדן דערפון אויך.

עס איז דא א געוואלדיגע קטנות הדעת ביי די מאדערן ארטאדאקס, און דער אויבענדערמאנטע סליפקין האט עס אין הויפענעס. די תורה רעדט כללים, נישט פרטים. און פונעם כלל דארף מען ארויסנעמען דעם פרט. 'עס שטייט נישט אין תורה אז מ'טאר נישט עסן אין מ קדאנאלדס, עס איז אן אויסטרעף פון רבנים וואס ווילן מאכן געלט פון השגחה'. אזא פנים האט די טענה אז די תורה רעדט נישט פון באצילן. די תורה רעדט יא דערפון, אין די כללים פון וואס מיר וועלן מוזן ארויסלערנען.

**ליטוואק פון בודאפעסט** • 4טן דעצעמבער 2019

וואס איך זעי דא אז ער האלט אז מ'מעג נישט עסן כל זמן מ'קען עס נאך בודק זיין. ווען מ'קען שוין נישט, ווייל מ'האט עס שוין געקאכט, דעמאלס איז עס בדוחק בדיעבד מותר. און ווען עס איז געקאכט איז טאקע אנדערש, ווייל דעמאלס איז עס טאקע בטל. די טענה אז עס איז נישט בטל, אפילו מה"ת, איז נאר ווען עס איז רוי. דעמאלס איז מעגליך אז עס איז ניטאמאל א תערובות, פונקט ווי מיין קאר און דיין קאר אויף דער גאס זענען נישט קיין תערובות. קוק נאכאמאל אינעם קונטרס פון הרב איתם הנקין הי"ד ווי ער ברענגט פארשידענע ראיות צום ענין.

אגב, טענת „רביה"ק זי"ע" איז נסתר פון א גמרא מפורשת (חולין סז:) אמר לה רבינא לאימיה אבלע לי ואנא איכול, און רש"י איז מסביר, אבלע לי - דכוורי בתוך הדגים תני אותם שלא אראה ואקוץ בם: דאס הייסט ביי תולעים וואס זענען מותר, נאר פון דעסטוועגן זאל מען עס אויסמישן מיטן מאכל כדי ער זאל נישט פארעקל'ט ווערן. הייסט'ס ווען עס איז מותר זאל מען זיך דערווייטערן פונעם עקעל פונעם עסן. ווייזט אויס אז ווען די ווערים וואלטן געווען אסור, וואלט דאס נישט געהאלפן.

**רביה"ק זי"ע** • 4טן דעצעמבער 2019

באמת איז א דבר פשוט אין גמרא אז א מאכל וואס מ'ווייסט קלאר אז ס'דא דערין ווערים טאר מען עס נישט עסן, נאר פשט איז אז ווען מ'בייסט אריין אין א שטיקל עסן און מ'ווייסט בבירור גמור אז מ'בייסט אריין אין א ווארים, אדער מ'פילט די ווארים אינעווייניג, איז עס אויך אן עקל (אפשר נישט אויף דעם דרגא ווי ווען מ'זעט עס מיט די אויגן), און דא קען מען און מ'דארף מחלק זיין ביי יעדן סארט ווארים צי ס'איז שייך ביי דעם זיך עקלען ווען ס'איז אין אן עסן. ווען אין סטראבעריס וואלט געווען נרגש א טעם פון ווערים, אדער ס'וואלט געווען א דבר ברור ביי יעדן פשוט'ן סטראבעררי עסער אז אריינבייסן אין א סטראבעררי מיינט אריינבייסן אין א גראבע ווארים, וואלט עס טאקע געווען אסור (און קיינער וואלט עס סיווי נישט געגעסן). למעשה עסן מענטשן סטראבעריס אגאנצן טאג און זיי ווייסן ניטאמאל אז זיי עסן ווערים, ממש די זעלבע בחינה ווי באצילן, ס'איז א זאך וואס עקזיסטירט אבער אינדרויסן פונעם מענטשליכן תחום.

פארשטייט זיך אז אינעם תחום פון הלכה קען נישט יעדער איינער אפמאכן פאר זיך אז ער עקלט זיך נישט פון ווערים, ס'קען זיין אז ס'גייט צו מיט א בטלה דעתיה אצל כל אדם, אדער אז מ'גייט נאך הבנת התורה אין עקל, דאס איז א דבר פשוט אז כדי א ווארים זאל זיין אסור מוז עס האבן א שייכות מיט'ן ריעליטי אין וואס די מענטש לעבט, נישט סתם אז ס'דרייט זיך ארום און קיינער שטויסט זיך נישט אן דערין אינעם טאג טעגליכן לעבן.

**אישתישבי** • 4טן דעצעמבער 2019

אין אמת האב איך קיינמאל נישט געהערט קיין היתר צו עסן סטראבעריס, עס פלעגט זיין אנווייזונגען, איך מיין אין די פסח ביכלעך, אז מען קען עס עסן דורך ווייקן אין זייף וואסער, און אויב מען שנייד אפ די שטיקעל אינטער די גרינע בלעטער, בתנאי אויב מען מאכט נישט קיין לאך אין דער סטראבעריס. למעשה שטעלט זיך אויס אז עס איז דא אפאר סארט ווערים אין די סטראבעריס, און אויף דער הויט אונטער די שטיקלעך גראבן זיין זיך אריין, אזעלכע שלענגלעך, און עס איז נישטא קיין היתר פין לא פירש

כידוע.
דאס וואס דער אשל אברהם זאגט אז לא פירש לגרעין איז פארקערט פין שו"ע כפי זכרוני.

עס איז דא אזלעכע וואס טענה'ן אז זיי האבן יא א וועג צו בודק זיין די סטראבעריס, געזונטערהייט, אבער אין אלגעמיין איז אנגענומען אז מען קען נישט.

אין פארשידענע קאמערציאלע קיטשענס האב איך געזען משגיחים וואשן פארשידענע זאכן וואס דארפן בדיקה מיט א שלויך וואס האט עקסטרע שטארקע שטראם, און דער סינק האט אונטער דעם לאך וואס דער וואסער גייט ארויס א נעץ, און אלע וואסער גייט דארט אדורך, און זיי קוקן אין דעם נעץ נאך וואשן די ירקות, און טאמער איז דא דארט ווערים, ליידיגן זיך אויס דער נעץ און וואשן נאכאמאל אלע ירקות, ביז זיי זען אז אין דעם נעץ איז נישטא קיין ווערים.

דער עצה איז נאר גוט אויב מען ווייסט אז אין די ירקות איז נישטא קיין ווערים מער, נאך טון די אלע הדחות, און נאך נישט טרעפן קיין ווערים אין דעם נעץ.

ביי סטראבעריס איז דא וואס ווייזן אז די קאטערפילערס זענען דארט נאך אלע הדחות.

**גראף** • 5טן דעצעמבער 2019

איז דא א מציאות להלכה ביי פירות און ירקות אז ווערם אדער וועז זיי זענען נאך אין א סטעיזש פאר זיי טוישן זיך צו עדאלטס זאלן בטל ווערן צום פרי אזוי ווי פיש? איז דא עפעס וואס זיי האבן אין קאממען?

**אישתישבי** • 5טן דעצעמבער 2019

נאר אויב מען ווייסט אז די ווערים זענען באשאפן געווארן נאך דעם וואס מען האט זיי אנגעשניטן פין דער בוים.
טאמער זענען זיי געווען ווען עס איז נאך געווען מחובר הייסט עס שרץ השורץ על הארץ און איז אסור. דאס איז א גמרא.

ביי פיש איז טאקע אייביג דא דער היתר פין לא פירש.

היינט, היות די חוקרים טענה'ן אז אלעס קומט פין אן איי וואס א מאמע האט געלייגט, איז דא וואס זענען מחמיר, מחשש אז דער מציאות האט זיך געטוישט.

דאס איז פין די פלעצער וואס לויט דער גמרא איז עס מותר, און דער היינטיגער מציאות זאגט אסור.

איך האב געהערט סברות אין דעם אזוי.
א. כל זמן פרומע אידן האבן נישט חוקר געווען און געזען אז די מציאות איז אנדערש פון וואס עס שטייט אין דער גמרא, דארף מען נישט מחמיר זיין.
ב. די גמרא זאגט עס איז מותר, איז עס מותר אפילו עס איז געבויט אויף א פאלשע מציאות, ווייל חז"ל האבן געהאט בקבלה אז עס איז מותר, און געזאגט א סברא, און אפילו דער סברא ווערן אפגעפרעגט איז נאך אלץ דא דער קבלה אז עס איז מותר.
ג. דער גמרא רעדט פין א מציאות וואס מען זעט, היות לעינים זעט אויס ווי עס ווערט באשאפן פין דער פיש, אדער פין דער פרי, קוקט מען נישט אויף דעם וואס עס ווערט באשאפן פין אן איי וואס מען קען נישט זען. בקיצור, עפעס וואס מען זעט נישט האט נישט קיין מציאות אין הלכה.

**ליטוואק פון בודאפעסט** • 5טן דעצעמבער 2019

די סוגיא אין סוף פרק אלו טריפות רעדט ארום דעם גאנצן נושא. עס ווענדט זיך אויף צוויי תירוצים דארט אין תוספות. אין בריסק זאגט מען 'א פערד איז א פערד ווייל די מאמע איז געווען א פערד, א שרץ איז א שרץ ווייל ער איז א שרץ'. דאס איז מסביר צו זיין די רמב"ם אין ספר המצוות (ל"ת קעט), וואס איז אויך ראטזאם צו לערנען. עס איז אן אריכות דארט, שלא כהרגלו, אבער העכסט אינטרעסאנט

**real fake news** • 5טן דעצעמבער 2019

„אישתישבי": היינט, היות די חוקרים טענה'ן אז אלעס קומט פין אן איי וואס א מאמע האט געלייגט, איז דא וואס זענען מחמיר, מחשש אז דער מציאות האט זיך געטוישט.

דאס איז א פשוטע זאך אז מדארף מחמיר זיין ווייל די מציאות האטזיך געטוישט, נאר לקולא טאר מען ח"ו נישט גיין נאך דער מציאות...

**אישתישבי** • 5טן דעצעמבער 2019

טאקע העכסט אינטערסאנטע רמב"ם, ווייל עס איז גאר שווער צו פארשטיין, און דער רמב"ן פרעגט שוין די נויטיגע קשיות.
כפי זכרוני איז דער רמב"ם מסביר אז די גמרא רעדט פין דער זעלבע שרץ וואס קען זען אלע סארט שרצים.

דער בריסקער ווארט איז טאקע אן אמת'ער לויט ווי די גמרא האלט אז שרצים קענען באשאפן ווערן פין שמוץ.

איז דא א סיבה אז די בריסקער דערמאנען נאר די מאמע און נישט דער טאטע?

**תורה און וויסנשאפט**

# „וירא ישראל את היד הגדולה“ – א האנט אין הימל?

ערב שבת פרשת בשלח תשע"ד האט „פישלע הערינג“ אין קאווע שטיבל געברענגט א פרישע נייעס: א טעלעסקאפ פון נאס"א האט אויפגעכאפט אין הימל דעם וואלקן פון עקספלאדירטן שטערן, וואס זעט אויס ווי א האנט. באלד האט מען זיך גענומען צו טענה'ן: איז דאס א וויץ, וויסנשאפט – אדער הגשמה?

פון **פישלע הערינג, הילל, נאר,,פרייליך און אנדערע** • אויסגעקליבן און מגיה געווען [פארקירצט]

קאווע שטיבל • וויסנשאפט • „עש"ק לסדר וירא ישראל את 'היד הגדולה' אשר עשה ד'“ • 10טן יאנואר 2014
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5655.html#p175417

**פישלע הערינג** • 10טן יאנואר 2014

יד הגדולה.

יד החזקה.

יד על כס י-ה.

ימין ד' עושה חיל.

וימינו תחבקני.

וואס איז דאס דער האנט פון הקדוש ברוך הוא? קען מען עס אמאל זען מיט אונזערע גשמיות'דיגע אויגן?

אני מאמין... אין לו גוף ולא ישיגוהו משיגי הגוף. דאס איז פון די פונדאמענטן פון אמונה, און חלילה אז דער אשכול זאל אויסגעטייטשט ווערן אויף אן אופן וואס איז נישט אין איינקלאנג מיט דעם.

אט איז א ציטיר פון א לעצטיגע נייעס, וואס איז א חלק טשיקאווע - טאנג אין טשיק - און א חלק סייענס.

רעליגע מיט סייענס קלאפן זיך נישט צאם זייער אפט, אבער א נייע נאס"א עקס רעי בילד האט אראפגעכאפט א סעלעסטיאלע אביעקט וואס ענדלט אין א ג-טליכע האנט.

די קאסמישע "האנט פון ג-ט" בילד איז געשאפן געווארן ווען א שטערן האט עקספלאדירט און ארויסגעשאסן א ריזן קוואנטום פון גאזישע מאטעריאל, וואס נאס"א'ס נוקלעאר ספעקטראסקאפישע טעלעסקאפ עררעי, "נו-סטאר" אין קורצן, האט אויפגעכאפט דורך הויכע ענערגיע X שטראלן, געווזין אין בלויע פארב אויפן בילד. נאס"א'ס טשאנדרא X-רעי אבזערוואטארי האט אויפגעכאפט די גרינע און רויטע שטראלן שוין מיט א צייט צוריק, נוצענדיג נידעריגע ענערגיע X שטראלן.

"נו-סטאר'ס וואונדערבארע קוקווינקל, קענענדיג זען מיט די העכסטע ענערגיע X שטראלן, ווייזט אונז פון פריער שטודירטע און אבזערווירטער אביעקטן אין גאר אן אנדער ליכט", האט די הויפט פארשערן פון נו-סטאר, פייאנע העריסאן פון די קאליפארניע אינסטיטוט פואר טעכנאלאגיע אין פאסעדענא, געזאגט אין א סטעיטמענט.

**פישלע הערינג** • 10טן יאנואר 2014

מיינס איז מידת הרחמים, און דיינס זעט אויס ווי מידת הדין...

**הילל** • 10טן יאנואר 2014

כ'פארשטאנען אז דו מאכסט א פיינעם הלצה, אבער דו ברענגסט אזויפיל פסוקים אז עס הייבט שוין אן סאונדן ערנסט...

דא האט מען געטראפן די טאץ קעיק וואס מלאכים עסן שבת נאכמיטאג...

**פישלע הערינג** • 10טן יאנואר 2014

איבערהויפט נישט קיין הלצה. לאמיר דא האלטן אביסל ערענסטקייט אין שטיבל [קלאפ אין שטענדער] שטיל זאל דא זיין [בייזע בליקן]...

דאס איז גענומען פון דער פרעזיטידשופולע ספעיס דאט קאם, און דא איז וויאזוי זיי אליינס באשרייבן עס.

[פארקירצט]

**הילל** • 10טן יאנואר 2014

פישעלע,

זעסט נישט דארט פון דעם אינהאלט אז עס איז בלויז א שיינע אויסדרוק פאר איבערבלייבענישן פון א שטערן וואס האט אויפגעריסן און קוקט צופעליג אויס ווי די פארעם פון א האנט? וויבאלד עס איז הויך אויפ'ן הימל דארט ווייט אוועק אין ספעיס, רופן זיי עס מיט א זיסן נאמען: "די הענט פון גאט". זיי מיינען גארנישט מער ווי דאס. און אויב דו גלייבסט מיר נישט, קוק דעם לעצטן שטיקל וואס דו אליין האסט אראפגעברענגט פון זיי.

**פישלע הערינג** • 10טן יאנואר 2014

שכויח פאר'ן מסבירן... והמבין יבין.

ווי ערוועגט שוין איבער די שפאלטענעס פון (ווער איז שולדיג אין דעם זינלאזן פראזע?) קאווע שטיבל, איז נישט דא אזא זאך ווי א "עכטע" זאך וואס מ'זעט ווערסוס א "פאלשע" זאך וואס מען דמיון'ט אז מ'זעט. אלעס איז איין שטיק דמיון. דעריבער איז אזא ערשיינונג פונקט אזוי אינטערעסאנט ווי ווען א "עכטע" שווארצע האנט קומט ארויס אונטערן וואכנאכט קינד און נעמט עס צו זיך, למשל.

די חכמי השטיבל קענען דאס עלאקוועטער מסביר זיין, אדער אנצייכענען ווי פונקטלעך מען האט שוין גערעדט דערפון.

**געפילטע פיש** • 10טן יאנואר 2014

די אשכול שמעקט פון הגשמה.

**פישלע הערינג** • 10טן יאנואר 2014

ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל בן בוזי.

טאקע דאס איז די נקודה פון דעם אשכול.

**נאר,,פרייליך** • 10טן יאנואר 2014

מיר זאגן לפי הוראות רבותינו הראשונים ואין לו שום דמיון כלל

דאס שרייבן אזעלכע דברי הגשמה צו רעדן בכלל איבער מושגי גשמיים כלפי דעם בורא עולם דער אחד יחיד המיוחד שמעקט מיט אפיקורסות

[פארקירצט]

**הילל** • 10טן יאנואר 2014

ריכטיג, און טאקע פאר דעם האב איך געוואלט קלאר מאכן אז מען זאל ניטאמאל מיינען אז די חכמי ספעיס האבן דאס געזאגט. נאר עס איז סתם א וויץ.

**הילל** • 10טן יאנואר 2014

„נאר,,פרייליך“:

וואס הייסט? וועלכע חלק שמעקט נישט גוט? [פארקירצט]

**נאר,,פרייליך** • 10טן יאנואר 2014

דאס מגשם זיין די יד הגדולה פינעם הייליגן באשעפער רעד זיך געוועגליך פון 'אפיקורסישע' גערעדעכצער [פארקירצט]

**הילל** • 10טן יאנואר 2014

נו, פונקט פארקערט, איך בין דאך געקומען מסביר זיין, להוציא מלבן פון וועם עס מיינט אנדערש, אז דא רעדט מען בכלל נישט פון קיין הגשמה, נאר פון א שיינע וויץ.

**יאיר** • 10טן יאנואר 2014

דאס איז די האנט פון דעם גאט פארטיקל. וויסנשאפטלער זוכן יעצט די רעכטע פיס.

אנשי שם • צו י"ז שבט

# דער צדיק פון יבנאל — הרב אליעזר שלמה שיק

י"ז שבט איז די יארצייט פון הרב אליעזר שלמה שיק, דער „מוהרא"ש" פון ברסלב. „שעפטל" האט אין קאווע שטיבל געשריבן זיין לעבנסגעשיכטע אויפן זעלבן טאג ווען ער איז נסתלק געווארן, י"ז שבט תשע"ה: פון תל אביב און די בראנקס ביז יבנאל, און די הונדערטער ספרים וואס ער האט איבערגעלאזט.

פון **שעפטל** • אויסגעקליבן און מגיה געווען

קאווע שטיבל • אנשי שם • „הצדיק מיבניאל, הרב אליעזר שלמה שיק זצ"ל מ'היכל הקודש ברסלב" • 6טן פעברואר 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/8243.html#p252085

אין די מינוטן קומט אריין די ערשיטערנדע בשורה, אז הרה"צ רבי אליעזר שלמה שיק, באוויסט אין דער וועלט אלס דער "מהרא"ש", באקאנט ביי פילע אלס דער צדיק פון יבניאל, און א גאר רעספעקטירטער מנהיג אינערהאלב די ברסלב'ע חסידות, דער מייסד פון די "היכל הקודש" אימפעריע, איז יעצט נפטר געווארן!

א שנעלע אפהאנדלונג פון מהרא"ש זצ"ל:

הרב אליעזר שלמה שיק, ווערט אנגערופן ביי דער מערהייט פון מענטשן "מוהרא"ש" (מ'ורינו ו'רבינו ה'רב ר'בי א'ליעזר ש'למה) אדער גאר דער צדיק פון יבנאל, איז געבוירן געווארן אין תל אביב, כ"א אייר ה'ת"ש. צו זיין טאטע הגאון הגדול רבי מנחם זאב שיק ז"ע, אב"ד טאקאי, און זיין מאמע הרבנית מלכה. אלס קינד האט ער געוואוינט אין ירושלים און געלערנט אין תלמוד תורה "עץ חיים". ער האט גלייגט תפילין ביי הרה"ק רבי אהרלע בעלזא'ר ז"ע. שפעטער ווען ער איז אלט געווען בערך 13 יאר האט זיך די משפחה אריבערגעצויגן קיין אמעריקע (זיין טאטע איז שוין געגאנגען צוויי יאר פריער, און נישט געווען ביי זיין בר מצוה), זיי האבן געוואוינט אין די בראנקס, אבער דער מהרא"ש איז געפארן יעדן טאג צוויי שעה מיטן באן קיין וויליאמסבורג, און איז אריין לערנען אין דער ישיבה פון קאשוי רב ז"ל. און דערנאך געלערנט בערך פינף יאר אין ישיבת תפארת ירושלים ביים פוסק הג"ר משה פיינשטיין זצ"ל.

איך האב גראדע געהערט אז ער האט זיך געהאלטן פאר א תלמיד פונעם סאטמאר רב דער דברי יואל זצ"ל, און געלערנט אין זיין ישיבה, נאך אין ארץ ישראל, די שאלה איז נאר צי ס'איז געווען אלס 7-8 יעריג קינד צו אפשר שפעטער.

דער מהרא"ש האט דערציילט אז ווינטער תשי"ז, זייענדיג אלט בערך 16 יאר איין טאג ווען ער האט געדארפט פארן זיין צוויי שעה'דיגע וועג, האט ער געכאפט א ספר פון אינדערהיים פארן וועג, און פארצופאל איז עס געווען דער ספר "משיבת נפש" וואס איז מלוקט געווארן דורך הרב אלתר מטעפליק, וואס איז פון די כתבים פון הרה"ק רבי נחמן מברסלב און זיין תלמיד הרה"ק רבי נתן מברסלב זי"ע, און אזוי איז ער נתקרב געווארן צו ברסלב.

שבט תשכ"ב האט ער חתונה געהאט צו זיין רעביצין, די טאכטער פון כ"ק אדמו"ר רבי אשר ישעיה הלוי ראטענבערג זצ"ל, האדמו"ר מקאסאן. זיין מסדר קידושין איז געווען זיין רבי הג"ר משה פיינשטיין זצ"ל.

די זעלבע צייט האט זיך געעפנט א ברסלב'ע שול אויף 16 עוו. אין בארא פארק, ווי דער מהרא"ש האט אנגעהויבן צו געבן שיעורים יעדע וואך.

ממש געציילטע יארן נאך דער חתונה האט ער אנגעהויבן מיט זיין הרבצת התורה וואס איז אנגעגאנגען פאר איבער 50 יאר!!! און ער האט אנגעהויבן צו שרייבן בריוון אהין און צוריק צו הונדערטע אינגעלייט און בחורים פון איבער דער וועלט, וואס מיט די יארן איז שוין ארויסגעקומען איבער 120 בענדער פון זיינע שאלות ותשובות "אשר בנחל", און מ'רעדט דא פון טויזנטער בריוון, ווי דער מהרא"ש אליינס שרייבט אין א בריוו וואס איז לעצטנס ארויסגעגעבן געווארן, רעדט מען דא פון איבער 70 טויזנט בריוון!!

אזוי אויך האט ער אנגעהויבן צו פארשפרייטן די ספרי ברסלב, אינטערן נאמען "אליעזר שלמה ברסלבר".

תשכ"ו איז ער די ערשטע מאל געפארן קיין אומאן צום קבר פון רבי נחמן, ער איז געפארן דורך ארץ ישראל און קודם דארט באגעגנט פרעזענדליכקייטן פון חסידי ברסלב, ווי הרב שמואל הארוויץ, הרב לוי יצחק בנדר, און הרב אליהו חיים רוזן.

אין יאר תשל"ג, זייענדיג אלט 33 יאר, האט ער אנגעהויבן צו דריקן די ספרים און קונטרסים מיט דברי חיזוק וואס ער האט אליינס געשריבן, אנגעהויבן מיט א "קריאת שמע שעל המיטה" מיט א פירוש, און די ספר "ארך אפיים". נאכן ארויסגעבן דעם

ארך אפיים האט מען אים שטארק גערודפ'ט אפילו צווישן די ערענסטע חסידי ברסלב.

ראש השנה תשל"ו האט זיך דער מהרא"ש באטייליגט אינעם קיבוץ חסידי ברסלב, אין דער ירושלים'ער שול, ווי ער האט געגעבן א גאנצע דרשה איבער דער גרויסקייט פון ראש השנה.

אנפאנג תשל"ז האט דער מהרא"ש אויפגעשטעלט די ערשטע ביהמ"ד מיטן נאמען "היכל הקודש – חסידי ברסלב", און פון דארט האט זיך עס צושפרייט, וועז אנגעהויבן בערך דריי יאר שפעטער איז ער געפארן אפאר מאל א יאר קיין ארץ ישראל, ווי ער האט שוין געהאט הונדערטע חסידים און אנהענגער, און געעפענט בתי מדרשים אין ירושלים, בני ברק, טברי', צפת, אשדוד, בת ים, נתיבות, תל אביב, באר שבע און נאך.

למעשה אין תשמ"ו האט זיך דער מהרא"ש באזעצט מיט א קבוצה חסידים אין יבנאל. וואס איז געווארן מיט די יארן די צענטער באזע פון דער חסידות, היינט איז דא דארט א תלמוד תורה "ילדי חן", א בית הספר לבנות 'בית פייגא', א סמינאר "בית מלכה" (נאך זיין מאמע), ישיבות 'בית שלמה' און 'בית מנחם', פאר בחורים, א ישיבה 'דמשק אליעזר' פאר בעלי תשובות, כוללים, א מדרשיית 'בית שפרה' פאר מיידלעך מבקשים..., א גרויסע בית המדרש, און א נייע גרויסע בית הכנסת (געענדיגט געווארן דריי יאר צוריק) און א קיך פאר די ארומע איינוואוינער דארטן, פון די צווישן איבער 400 משפחות וואס וואוינען דארט.

למעשה האט דער מהרא"ש געוואוינט מער איבערן יאר אין בארא פארק אין אמעריקע, און האט אויך אויפגעשטעלט בתי מדרשים אין וויליאמסבורג (איינס איז דער מרכז 'היכל הקודש' ברסלב און נאך א שול בית המדרש 'התאחדות התלמידים'), מאנסי (אויך שוין דא צוויי), און דריי בתי מדרשים אין קרית יואל-מאנרא, (איינס אינמיטן שטאט, ממש נעבן דעם גרויסן ביהמ"ד אין קרית יואל, דערנאך ביי די צוויי עקן, איינס אין שכונת עצי תמרים און איינס אין שכונת ברך משה).. ווי אויך א שול אין בראזיל.

וויליאמסבורג איז למעשה א שטארקע באזע, וואס ס'איז אויך דא א תלמוד תורה "היכל הקודש", א בית חינוך לבנות "בית פיגא" (נאכן מאמע'ן פון רבי נחמן), א באקאנטע ישיבה "תפארת התורה" מיטן ראש ישיבה זיין תלמוד הרב יואל ראטה, אזוי אויך האבן זיך די מרכז חסידי ברסלב שטארק אריינגעלייגט אין דריקן די ספרים פון רבי נחמן און רבי נתן, און אזוי אויך די הונדערטע ספרים פון מהרא"ש.

אביסל איבער זיינע השקפות:

ער לערנט שטארק דעם עולם איבער שלום בית, שוין ארויסגעגעבן אסאך קונטריסים סיי פאר די מענער און סיי פאר די פרויען איבער דעם. און נאך מער, ער האט אסאך פארברענגט איבער דעם כבוד חמיו וחמותו וואס א מענטש מוז האבן אין אלע אומשטענדן און שרייבט אז דאס איז פון די גרעסטע שליסלען אין שלום בית. (שטעלט אלעס אויף די שיחות רס"ג-רס"ד אינעם שיחות הר"ן).

די לימוד קבוע יעדן טאג זאל זיין אויף פופצן זאכן! חומש, רש"י און תרגום אונקלוס פון דער וואכענדיגער פרשה; תנ"ך; משנה; תלמוד בבלי; תלמוד ירושלמי; תוספתא; מדרש רבה; מדרש תנחומא; רמב"ם; טור; שולחן ערוך; זוהר; תיקוני זוהר; ליקוטי מוהר"ן; ליקוטי הלכות (ווי מ'זעט אין שיחות כ"ח ו-ע"ו אינעם שיחות הר"ן און אינעם קונטרס סדר-דרך-הלימוד).

עקסטער האט ער איינגעפירט צו לערנען בעיון און האבן א בקיאות אין די ספרי רבי נחמן. און האט געמאכט א לוח אז מ'זאל ענדיגן ליקוטי מהר"ן יעדן חודש.

מער באקאנט איז זיין מהלך פון דעם סדר הלימוד פון זאגן אסאך און פארשטיין, מוהרא"ש האט אריינגעברענגט צווישן זיין עולם זאגן און זאגן 18 פרקים משניות וכדומה. זאגנדיג אז דאס איז דער ברסלבער דרך (שיחות הר"ן ע"ו)

דער מהרא"ש האלט בשיטה אז מ'זאל חתונה האבן בערך ביי די 16 [פארקירצט]. און מ'זעט טאקע ווי זיי חסידים טון שידוכים ביי דעם יארגאנג.

איך בין נאכנישט געווען אין יבנאל, אבער איך הער אז אין יבנאל גייט דאס גאנצע שטעטל ווייס אנגעטוען שבת, ווייל לויטן זוהר דארף מען אזוי גיין.

למעשה איז מהרא"ש געווען פון די באקאנטע ברסלב'ע משפיעים און מדריכים, האט געהאט גראדע אסאך קעגנערשאפט אינערהאלב אנדערע מדריכים.

ער איז נסתלק געווארן היינט י"ז שבט תשע"ה.

ער האט איבערגעלאזט הונדערטער ספרים, צווישן זיי:

קונטרס "סדר דרך הלימוד" - ווי דערמאנט ברענגט ער ארויס וויאזוי מ'דארף צו לערנען.

שו"ת אשר בנחל - ווי געשריבן, איבער הונדערט צוואנציג בענדער, מיט טויזנטער בריוון.

שאלות ותשובות בחסידות ברסלב - פערצן חלקים, וואס ענטפערט אלע מנהגים און פראגעס פאר חסידי ברסלב.

אוצר הקונטרסים - שוין ארויסגעקומען 32 בענדער וואס ערהאלט דעריין איבער טויזנט קונטרסים.

עקסטער פון דעם איז שוין ארויסגעקומען בענדער וואס נעמט אריין א געוויסע נושא ווי: אוצר הקדושה, אוצר החיים, אוצר הסבלנות, אוצר לנשים, אוצר חינוך הילדים, אוצר שלום בית,

אוצר הרפואות, אוצר לבחורי ישיבה, אוצר ראש השנה, אוצר הפרנסה.

פעולת הצדיק - קורות חייו פון רבי נחמן מברסלב

שפת הנחל - א פירוש אויף ליקוטי מוהר"ן

זאת התורה - דרושים על התורה, אויף דער וואכענדיגער סדרה

שיחות מוהרא"ש - 15 בענדער פון שיחות און סיפורים וואס זענען געזאגט געווארן פאר די תלמידי "היכל הקודש"

נהרי אפרסמון - א פירוש אויף מעשיות וואס מ'דערציילט אויף רבי נחמן

סידור "עת רצון" - א ביאור אויפן סידור התפילה געשטעלט אויף די ווערטער פון רבי נחמן

ס'דא 22 בענדער אויף פרקי אבות "אהבת אבות" "חסדי אבות", "מגן אבות" און נאך

תוך הנחל - שיחות אויף דער פרשה, מיט געשטעלט אויף די ווערטער פון רבי נחמן

קדושת ישראל - געשטעלט איבער דער קדושת הברית

ארך אפיים - פון די ערשטע ספרים, פשוט איבערן מידת הסבלנות

אילן החיים - א מוסר ספר

דיבורי מוהרא"ש - איבערגעשריבן אין עיברית זיינע אידישע דרשות

[פארקירצט]

---

**הומאר**

# ווער זוכט א זשאב? — ג' בשלח אין הימל

יעדן יאר ג' בשלח שטראמען ארויף אין הימל פרשת המן'ס, תפילות און בקשות אויף פרנסה. „משיח_השם“ האט ג' בשלח תשס"ו אויף היידפארק באשריבן וואס עס טוט זיך דאן אינעם „אוצר הפרנסה“, און א חבר האט אים גלייך געפרעגט צי עס איז נישט קיין ליצנות.

פון **משיח_השם** • אויסגעקליבן און מגיה געווען

היידפארק • חדשות אנ"ש אין בילדער • „ג' בשלח - פרשת המן - סגולה לפרנסה“ • 7טן–8טן פעברואר 2006
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1253676.html#p17179326

---

ווער זוכט דא א זשאב?

עס איז היינט געווארן זייער ביזי אין הימל, עס איז ארויף געקומען אן א שיעור מיט סגולות, פרשת המן'ס, תפילות, טרערן, און כל מיני בקשות אויף פרנסה. דער אויבערשטער ווערט באצווינגען צו שיקן פרנסה פאר כלל ישראל, הלמאי מ'האט דאך געזאגט פרשת המן. "וואס הייסט דו שיקסט מיר נישט?"

צופיל צייט צו טראכטן איז נישט דא. א קול ווערט אויסגערופן, וואס דונערט אפ אין אלע הימלען: "אלע מלאכים זאלן זיך שנעל צוזאם קומען אינ'ם גרויסן זאל, עס גייט פארקומען א דרינגנדע גענעראל פארזאמלונג, קיינער טאר נישט פעלן!"

ס'טוט זיך לעבעדיג, מלאכים קומען צו פליען פון אלע זייטן, קליינע מלאכים, גרויסע מלאכים, ווייסע, שווארצע, גאנצע, האלבע (די וואס זענען געמאכט געווארן פון די מצוות שלא לשמה), נישט קיין חילוק ווער ער איז, פון וואספארא ראסע ער איז, אויב האט ער דעם נאמען מלאך, דאן געפינט ער זיך יעצט אין דעם זאל.

דער ראש המדברים גייט גלייך צו צום ענין, ער האלט נישט דעם עולם געשפאנט, נאר מעלד זיי גלייך איין, אז היינט איז דא אסאך ארבעט, און מ'דארף יעדנס הילף. מען דארף סארטירן די פעקלעך פרנסה און אראפ דעליווערן צום עולם אהיים. יעדער איינער באקומט אן אנדערן מאס, לויט וויפיל כוונה ער האט אריין געלייגט, לויט וויפיל תפילות ער האט געשעפשעט, וויפיל טרערן ער האט פארגאסן, וויפיל ער דארף טאקע האבן, וויפיל די ווייב דערקוטשעט אים א.א.וו.

די מלאכים לאזן זיך ארויס צום אוצר הפרנסה, און ס'ווערט אן איבערקערעניש, מ'הייבט אן פאקן, מאכן, טון, די פעקלעך ווערן אויפגעריסן, פרנסה צורינט, אנדערע קומען צוהילף, מ'פרובירט צוריק צו כאפן, ס'ממש א בהלה. רבי מענדעלע רימאנאווער שטייט ביים טויער, און פרובירט צו מאכן ארדענונג, ער פרובירט צו האלטן חשבון אויף יעדן מלאך וואס ער טוט, און אויסשטעלן

דעם סדר פון דער חלוקה. סוף כל סוף האט ער דאך אנגעדרייט דעם סומאטוכע, איז דאך נישט מער ווי יושר, ער זאל האלטן סדר אין הימל.

אסאך מלאכים לאזן זיך אראפ צו דער וועלט אפדעליווערן פעקלעך. געווענטליך די פרי אויפשטייערס, וואס דאווענען נאך מיט תרח'ס מנין, די זענען די לאקי וואנס, דעמאלטס איז נאך גאנץ רואיג, זיי באקומען נאך שיינע פעקלעך, שיין פארפאקט, און דער מלאך שמייכלט נאך ווען ער דראפט עס אראפ.

אזוי ווי אסאך מלאכים זענען אראפ געגאנגען טיילן פרנסה, און די ריקוועסטס האלטן זיך אין איין פארמערן, עס שטראמען בקשות פון אלל אוועך די װארלד, ווערט ממש א געדרענג און א געיעג, מען קען נישט נאכיאגן גענוג די ארבעט, סא זוכט מען צו הייערן נאך פארט טיים מלאכים, נאר פאר'ן סיזן, מיטוואך פרשת בשלח שיקט מען זיי אלע אוועק דארט ווי מען שיקט די מעקסיקאנע גויים נאך פסח. סא ווער עס זוכט א זשאב זאל זיך מעלדן.

### „איז עס נישט ליצנות?“

דעם זעלבן אוונט:

„בעל_גאוה“: משיח השם, זייער שיין אראפגעלייגט, אבער איז עס נישט בגדר ליצנות ח"ו?

„משיח_השם“: אין א וועלט מיט אזויפיל שווערינקייטן, ווי ס'דרייען זיך ארום אזויפיל מענטשן מיט דאגות, איז גוט אמאל צו כאפן א לאך. וה' הטוב יכפר

הײדפארק • 7טן–8טן פעברואר 2006

---

היסטאריע

# היינט מיט . . . יאר צוריק

וואס האט מען געשריבן אויף די פארומס אויף דעם זעלבן טאג, דעם 21סטן יאנואר, אין פריערדיגע יארן? א ווארט פון דף יומי אויף א ווינטער־טאג, א שמייכל פון א חב"ד'ער חסיד, און א מעשה פונעם „בית ישראל“ מיט א פאר רצועות.

**7**
יאר צוריק
2020

### „ביומא דסיתווא“ — א גאנצער ספר אין א ווינטער־טאג

**בר בי רב** • קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • 21סטן יאנואר 2020

גרסאות דף היומי שרייבט א שיינע זאך:
דתנא ספרא דבי רב ביומא דסיתווא. בניהו האט דורכגעלערנט גאנץ ספרא אין א ווינטער טאג. וואס איז די חידוש פון א ווינטער טאג? נאר די טאג איז קורץ און די נאכט לאנג. און וואס איז אז די טאג איז קורץ? ביינאכט קען מען נישט לערנען? נאר מ'ברויך די ליכט פונעם טאג אויף צו מעיין זיין אין א ספר. קומט אויס אז ספרא איז שוין געווען אפגעשריבן אין א ספר פיל פריער ווי רב'ס צייטן, און דערפאר הייסט עס טאקע "ספרא". (דבי רב: קען זיין ס'גייט פארשידענע גרסאות, און דאס איז פון רב'ס ביהמ"ד).

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/13549.html

9
יאר צוריק
2018

## ר' מענדל פון מאראזאוו און זיינע חברים

**נקודת-אמת** • קאווע שטיבל • אנשי שם • 21סטן יאנואר 2018

שנלב"ע א' שבט ה'תשע"ח.

געהערט א זיסע מעשה וואס ער האט דערציילט עטליכע יארן צוריק.

וכך אמר:
לעצטנ'ס, קומען זיינע חברים צו עם בחלום הלילה און זיי בעטן זיך ביי עם אז זיי האבן נישט וואס צו טאן אויבן אין הימל
און זאל ער ביטע מוחל זיין זאל ער אויכעט ארויפקומען פארברענגען מיט זיי אביסעלן,

האט ער זיי געפרעגט
וואס דארפט איר מיר האבן, איר האט דאך ר' מענדלען (פוטערפאס) ר' שלמה-חיים'ן (קעסעלמאן) ר' ניסן (נאמנוב) ר' סעדיה (ליברוב) און נאך.

האבן זיינע חברים עם מסביר געווען:
מענדעלע, פארשטייסטו נישט, די אלע אויבן-דערמאנטע זיצן זיך אין גן-עדן, מיר דארפן איינעם אין גיהנם זאל זיצן מיט אונז.

האט זיך ר' מענדל אויסגעפירט מיט זיינע שטענדיגער שמייכעל...

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12082.html

14
יאר צוריק
2013

## א קינד שפילט זיך מיט רצועות

**ענדע צדיק** • קאווע שטיבל • קאווע שטיבל • 21סטן יאנואר 2013

„בענדזשאמין פרענקלין“: אמאל איז א חסיד אריין צום בית ישראל מיט אן ערנסטע פראגע:
היות בשעת די חברים פון זיין קליין יונגעלע זענען באשעפטיגט מיט קינדערישע שפילערייען, איז זיין קינד פארנומען מיט בינדן "רצועות" פון תפילין של ראש ושל יד, וויל ער וויסן צו דאס איז א צייכן אז זיין זון האט א ספעציעלע נשמה, און צי ער דארף זיך פירן מיט באזונדערע הנהגות און קפידות מיט אזא הייליג קינד?

האט עס דער בית ישראל געענטפערט מיניה וביה:
ניין, איר דארפט נישט גארנישט מקפיד זיין מיט עם, אויסער איין זאך: איר זאלט מער מקפיד זיין אויף תפלה בציבור... אייער זון זאל אייך זען וויניגער מיט די תפילין, און אייך אויפהערן נאכטון...

[במחיצתם, חלק ב']

„ענדע צדיק“: איך פלעג מיר אויך שפילן מיט רצועות כסדר. מיין טאטע ז"ל פארפאסט נישט קיין מנחה בציבור. יעדן ערב שבת איז ער מעביר סדרה מיט די רבינו תם תפילין, און דאס פלעג איך צוזען מיט א לענוג רוחני.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2776.html

לוח

# יארצייטן פון דער וואך

י"ג–ט"ו שבט. די רשימה איז צוזאמגעשטעלט געווארן אויף הײדפארק אין שבט תשס"ד (פעברואר 2004), ווען די טעג זענען אויסגעפאלן אויף די זעלבע טעג פון דער וואך ווי הײ־יאר. די רשימות פון יענעם יאר ענדיגן זיך מיט שבת קודש ט"ו שבט; צו י"ז שבט – זעט דעם „אנשי שם“.

פון **כינר1**

הײדפארק • חסידישע נייעס • „הילולא דצדקיא“ • 2טן פעברואר 2004
https://hydepark.sites.tab.bot/t/588466.html#p6603680

---

**דאנערשטאג, י"ג שבט • 21סטן יאנואר**

- הרה"ק ר' יעקב שמשון שפירא מזאסלאב ב"ר פנחס מקאריץ זי"ע • תקס"ח
- הרה"ק ר' מרדכי מלעכוויטש ב"ר נח זי"ע • תק"ע
- הגאון ר' ברוך ב"ר זלמן סורוצקין זצ"ל ראש ישיבת טלז קליבלנד • נולד ביום זה בתרע"ז ונפטר בתשל"ט
- הרה"ק ר' אביגדור ב"ר יונתן בנימין פולק מספינקא-סיגט זי"ע • תרצ"ז
- הגאון ר' אברהם בן ציון ב"ר יהושע צבי מיכל שפירא זצ"ל מירושלים • תש"ז

**פרייטאג, י"ד שבט • 22סטן יאנואר**

- הרה"ק ר' יעקב יהושע ב"ר צבי הירש פולק אב"ד פרנקפורט דמיין זי"ע (בעמח"ס פני יהושע) • תקט"ז
- הרה"ק ר' יחיאל דנציגר האדמו"ר הזקן מאלכסנדר ב"ר שרגא פייביל מגריצא זי"ע • תרנ"ד
- הרה"ק ר' אהרן אריה (ארון לייב) מנדבורנה וקאליש זי"ע (בעמח"ס יד אהרן) • תרנ"ח
- הגאון ר' דוד ב"ר מנחם בן ציון שפירא זצ"ל מירושלים (בעמח"ס בני ציון) • תשל"א

**שבת קודש, ט"ו שבט (שבת שירה) • 23סטן יאנואר**

- הגאון ר' חיים מרדכי ב"ר מנחם מאניש מרגליות זצ"ל (בעמח"ס שערי תשובה) • תקפ"ג
- הרה"ק ר' גדליה אהרן ב"ר יצחק יואל מליניץ זי"ע (בעמח"ס חן אהרן) • תרל"ח

---

קורץ און שארף

# פערל פון די ארכיוון

דער ישמח משה ביי „אז ישיר“, דער קאליווער רבי אויף שבת שירה, וועלכע ברכה מ'האט געמאכט אויפן מן, פארוואס „בן עמרם“ – און וואס א לײדיגער בוים קען לערנען ט"ו בשבט.

## „אז ישיר“ — און די בעקעשעס

**פאלאצ'ינטא:**

איך האב געהאט א רבי וועליכע האט דערציילט אז ווען דער ישמח משה פלעגט זאגן די שירה, אז ישיר שבת שירה האבן אלע וועליכע זענען דארט געשטאנען זיך אופגעהובן די בעקיטשעס אז עס זאל נישט נאס ווערן.

איי דער ים האט זיך אויסגערוקענט???

קאווע שטיבל • „מעשיות וואס מאכן נישט קיין סענס“ • 21סטן מאי 2023
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/14208-2.html#p525445

## קריעת ים סוף כפשוטו

**איסר האטלקי:**

שביעי של פסח און שבת שירה פלעגט ער מאכן קריעת ים סוף כפשוטו. געגאסן פלעשער וואסער אויף דער ערד און ער פלעגט טאנצן שירת הים אין דעם וואסער... [פארקירצט]

קאווע שטיבל • „זקן האדמו"רים, קאליב'ער רבי זצ"ל איז נפטר געווארן“ • 28סטן אפריל 2019
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/13086.html#p429153

## וועלכע ברכה מאכט מען אויפן מן?

**קרעמער:**

פראגע פון די וואך: וועלכע ברכה האבן די אידן אין מדבר געמאכט אויף דעם מן?

**צייטליך:**

אלע ספרים רעדן דערפון, איך געדענק נישט פונקטליך די בני יששכר און די חיד"א רעדן אסאך איבער דעם,איך האב אמאל געהערט אז זיי פלעגן מאכן די ברכה "מוציא לחם מן השמים".

ס'איז דא אנדערע וואס זאגן אז ס'ווענט זיך לויט וואספארא טעם מ'האט אינזין געהאט ס'זאל האבן, לויט דעם האט מען געמאכט די ברכה.

הײדפארק • „==פרשת בשלח==“ • 8טן פעברואר 2006
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1798030.html#p17193281

## „אין לנו אלא דברי בן עמרם“

**קרעמער:**

רש"י ברענגט אראפ די וואך אז די אידן האבן נישט געפרעגט קיין קשיות אויף משה רבינו, נאר האבן געזאגט "אין לנו אלא דברי בן עמרם", האב איך אמאל געזען אין א ספר אז דערפאר האבן זיי אים אנגערופן "בן עמרם" און נישט סתם "משה רבינו", ווייל זיי האבן געוואלט אפגעבן כבוד פאר עמרם וועלכער האט נאך געלעבט! (עמרם איז אפילו געווען מבאי הארץ).

היידפארק • „==פרשת בשלח==“ • 8טן פעברואר 2006
https://hydepark.sites.tab.bot/t/1798030.html#p-1798030

## א בוים איןווינטער

**:shatz matz**

[פארקירצט] אט דאס איז די כוונה פון חמשה עשר בשבט, ווען אינמיטן טיפן ווינטער וואקסן נישט קיין פרוכט אויף דיביימער עס קען זיך דאכטן פאר מענטשן אז די פרוכט ביימער מיט די אילני סרק זענען גאר איינ'ג, פארדעם ברענגט מען פירות צום חמשה עשר טיש, און מ'ווייזט אן קוק אויף די פירות, דאס זענען געוואקסן טאקע פון די ביימער וואס דו קלערסט אז ס'איז גאר טריקן, פון די פירות וועסטו דערקענען ווער איז דער בוים, דער טאטע האט א פליכט מחנך צו זיין זיינע קינדער אויפן שענסטן וועג, ווייל די פירות וועלן צייגן ווער דער בוים איז, וועסטו מחנך זיין די קינדער אויפן גוטן וועג וועט מען זאגן אז דער טאטע דער בוים איז חשוב, און אויב פארקערט וועט מען זאגן אז דער טאטע איז פון די אילני סרק.... (בל' יודיש ליידיגע ביימער)

אויב אזוי קען אפשר זיין אז דאס איז די סיבה פארוואס חמשה עשר בשבט איז דער זמן וואס מ'בעט אויף א שיינע אתרוג, כידוע מחז"ל איז דער אתרוג מער חשוב פון אלע פירות ווייל ס'איז טעם עצו ופריו שוה, טעם עצו ופריו שוה מיינט, אז דער בוים מיט די פרי האבן דעם זעלבן טעם, אט אזוי איז א טאטע וואס איז מחנך זיינע קינדער ע"ד התורה, דער טאטע דער בוים און זיין קינד די פרי ביידע פארמאגן דעם זעלבן טעם עס איז נישטא קיין אינטערשייד צווישן זיי, ווייל ביידע פירן זיך אויפן גוטן וועגן.

די ערשטע חסידישע בלאגס • „שאץ מאץ“ • 14טן אפריל 2010
https://ershteblogs.sites.tab.bot/shatzmatz/2010/04/31.html

קאלום

# די תגובה פון דער וואך

„x03“ האט אין שבט תשס"ו געפרעגט אויף היידפארק פון וואו עס שטאמט די סגולה צו זאגן פרשת המן דוקא אויף ג' בשלח. נאך עטלעכע ערנסטע ענטפערס האט „צייטליך“ צוגעלייגט:

> איך האב אמאל געהערט איינעם נאכזאגן פון גאר א קראנטע מקור, איך געדענק נישט פינקטליך פין וועם, טאקע נישט פין ר' מענדעלע מרימינוב זי"ע אבער פין אנדערע פיינע אידן, אז גיין ארבעטן יעדן טאג בערך פין ניין אזייגער ביז פינף אזייגער איז א גרויסע סגולה פאר פרנסה.
>
> בדוק ומניסא קען איך נישט זאגן, ווייל ביי מיר האט עס נאכנישט געארבעט.......

**צייטליך** • היידפארק • 7טן פעברואר 2006

https://hydepark.sites.tab.bot/t/1795370.html

מקורות

# פון וואו די שטיקער קומען

אלע שטיקער אין דעם נומער זענען גענומען פון די ארכיוון אויף archiv.sites.tab.bot. ביי יעדן שטיק: דער ארכיוו, דער פארום, דער אשכול, דער ניק פונעם שרייבער, דער דאטום, און דער לינק.

| | |
|---|---|
| **לכבוד שבת קודש** | „קשה . . . כקריעת ים סוף?“ · **מצטמק ויפה**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „קשה........ כקריעת ים סוף??“ · 20סטן–29סטן אפריל 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/6283.html#p196577 |
| **שמועסן אויף דער סדרה** | „„ג' בשלח“ – סגולה, מנהג, און וואו איז דער מקור?“ · **רביה"ק זי"ע, תוהו ובוהו, שמן למאור, חב"ד הויזן און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „"ג' בשלח" פרשת המן סגולה צופאלט ווי א זייפען-בלאז“ · 10טן יאנואר 2022 – 24סטן יאנואר 2024<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/15073.html#p491292 |
| **הלכה־שמועס • צו ט"ו בשבט** | „טאר מען עסן סטראבעריס? א שמועס איבער הלכות תולעים“ · **קאצקע ציקער, ליטוואק פון בודאפעסט, רביה"ק זי"ע, אישתישבי און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „סטראבערי = הלכות תולעים“ · 1טן דעצעמבער 2016 – 5טן דעצעמבער 2019<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11120.html#p355962 |
| **תורה און וויסנשאפט** | „„ויראו ישראל את היד הגדולה“ – א האנט אין הימל?“ · **פישלע הערינג, הילל, נאר,.פריילך און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · וויסנשאפט · אשכול „עש"ק לסדר ויראו ישראל את 'היד הגדולה' אשר עשה ד'“ · 10טן יאנואר 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5655.html#p175417 |
| **אנשי שם • צו י"ז שבט** | „דער צדיק פון יבנאל – הרב אליעזר שלמה שיק“ · **שעפטל**<br>קאווע שטיבל · אנשי שם · אשכול „הצדיק מיבניאל, הרב אליעזר שלמה שיק זצ"ל מ'היכל הקודש ברסלב“ · 6טן פעברואר 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/8243.html#p252085 |
| **הומאר** | „ווער זוכט א זשאב? – ג' בשלח אין הימל“ · **משיח_השם**<br>היידפארק · חדשות אנ"ש אין בילדער · אשכול „ג' בשלח - פרשת המן - סגולה לפרנסה“ · 7טן–8טן פעברואר 2006<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1253676.html#p17179326 |
| **היינט מיט 7 יאר צוריק** | „„ביומא דסיתווא“ – א גאנצער ספר אין א ווינטער־טאג“ · **בר בי רב** · קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · 21סטן יאנואר 2020<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/13549.html |
| **היינט מיט 9 יאר צוריק** | „ר' מענדל פון מאראזאוו און זיינע חברים“ · **נקודת-אמת** · קאווע שטיבל · אנשי שם · 21סטן יאנואר 2018<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/12082.html |
| **היינט מיט 14 יאר צוריק** | „א קינד שפילט זיך מיט רצועות“ · **ענדע צדיק** · קאווע שטיבל · קאווע שטיבל · 21סטן יאנואר 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2776.html |
| **יארצייטן פון דער וואך** | **כינר1** · היידפארק · חסידישע נייעס · „הילולא דצדקיא“ · 2טן פעברואר 2004<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/588466.html#p6603680 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „„אז ישיר“ – און די בעקעשעס“ · **פאלאצ'ינטא** · קאווע שטיבל · „מעשיות וואס מאכן נישט קיין סענס“ · 21סטן מאי 2023<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/14208-2.html#p525445 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „קריעת ים סוף כפשוטו“ · **איסר האטלקי** · קאווע שטיבל · „זקן האדמו"רים, קאליב'ער רבי זצ"ל איז נפטר געווארן“ · 28סטן אפריל 2019<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/13086.html#p429153 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „וועלכע ברכה מאכט מען אויפן מן?“ · **קרעמער / צייטליך** · היידפארק · „==פרשת בשלח==“ · 8טן פעברואר 2006<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1798030.html#p17193281 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „„אין לנו אלא דברי בן עמרם““ · **קרעמער** · היידפארק · „==פרשת בשלח==“ · 8טן פעברואר 2006<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1798030.html#p-1798030 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „א בוים אין ווינטער“ · **shatz matz** · די ערשטע חסידישע בלאגס · „שאץ מאץ“ · 14טן אפריל 2010<br>https://ershteblogs.sites.tab.bot/shatzmatz/2010/04/31.html |
| **די תגובה פון דער וואך** | **צייטליך** · היידפארק · 7טן פעברואר 2006<br>https://hydepark.sites.tab.bot/t/1795370.html |

**אין דעם קומענדיגן נומער:** מאנטאג, דעם 25סטן יאנואר – נומער 28; דאנערשטאג, דעם 28סטן יאנואר – נומער 29, אויף פרשת יתרו.

„ארכיוו“ • אויסגעקליבן און מגיה געווען פון די אידישע פארומס און בלאגס • די ווערטער געהערן צו זייערע שרייבער.